*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת תולדות

### תולדות (א)

אויפ'ן פסוק "ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק" - איז געווען שווער ביי רש"י פארוואס דארף שטיין נאך אמאל "אברהם הוליד את יצחק", עס שטייט דאך שוין פריער "יצחק בן אברהם"?

ענטפערט רש"י אין איין תירוץ: עס זיינען געווען ליצני הדור וועלכע האבן געזאגט אז יצחק'ס טאטע איז געווען אבימלך, און א ראיה אז אין די אלע יארן האט שרה ניט געהאט קיין קינדער פון אברהם. וואס האט דער אויבערשטער געטאן? צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם - ער האט געמאכט אז יצחק זאל אויסקוקן אזוי ווי אברהם, אז מען זאל וויסן אז "אברהם הוליד את יצחק".

דארף מען פארשטיין:

דער אויבערשטער האט דאך געקענט בייטן אברהם'ס פנים צו זיין ענליך צו יצחק. פארוואס האט ער געביטן יצחק'ס פנים צו זיין ענליך צו אברהם?

דער ענטפער איז:

דער טעם אויף דעם וואס אברהם, יצחק און יעקב הייסן אבות - טאטעס - איז ווייל זייער עבודה ווערט א ירושה צו אלע אידן, אז ביי *יעדער* אידן דארף זיין אלע עבודות פון די אלע אבות.

אברהם'ס עבודה איז געווען *חסד* - גמילות חסדים. ער איז געווען א גרויסער מכניס אורח, און האט געהאלפן אלע מענטשן. ער האט זיי אויך געבראכט תחת כנפי השכינה, און זיי איבערצייגט אז עס איז פאראן אן אויבערשטער.

יצחק'ס עבודה איז געווען *גבורה* - יראה און שטרייגקייט (תפלה).

דאס איז א הוראה פאר יעדן אידן: בשעת מען איז אין ספק. מען איז ניט זיכער ווי צו פירן זיך מיט א צווייטן אידן, צי מיט חסד צי מיט גבורה, און מען ווייסט ניט וועלכע וועג אויסקלייבן; זאל מען געדיינקען אז "צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם" - מען דארף אויסקלייבן די וועג פון *חסד* .

(לקו"ש ח"ה ע' 362)

### תולדות (ב)

אין פרשת תולדות ווערט דערציילט אז רבקה האט ליב געהאט יעקב'ן ווייל ער איז געווען א "יושב אהלים", געזעסן און געלערנט תורה. יצחק האט ליב געהאט עשו'ן "כי ציד בפיו", ווייל ער פלעגט עם ברייגנען עסן פלייש פון געפאנגענע בהמות. רש"י זאגט אז "כי ציד בפיו" מיינט אז עשו פלעגט אפנארן (פאנגן) יצחק'ן מיט די שאלות פון זיין מויל. ער האט געפרעגט "ווי אזוי גיט מען מעשר פון זאלץ" און ענליכע שאלות צו ווייזן אז ער איז פרום.

ווי אזוי האט עשו געקענט אפנארן יצחק אביו דעם צדיק הדור? מען מוז זאגן אז יצחק האט באמת פארשטאנען אז עשו איז א רשע, און פונדעסטוועגן האט ער עם געוואלט בענטשן.

פארוואס?

יעדער איינער פון די אבות האט געהאט זיין וועג פון דינען דעם אויבערשטן. ווען יצחק דערציילט די תורה אז ער פלעגט גראבן ברונעמס פון וואסער.

דאס באווייזט אויך זיין וועג פון עבודת השם:

די וואסער געפינט זיך שוין פון פריער אונטער דער ערד, נאר זי איז באהאלטן. מען קען איר ניט טרינקן ווייל זי איז צוגעדעקט מיט פיל ערד. דער וואס גראבט א ברונעם, נעמט אראפ די ערד און אנטפלעקט די וואסער. ער אנטדעקט דעם "מים חיים" וואס איז באהאלטן אין דער טיפעניש פון דער ערד.

אזוי איז אויך א מענטש. יעדער מענטש האט אין זיך באהאלטענע גוטס. יעדער נשמה וויל טאן וואס דער אויבערשטער וויל. יצחק'ס עבודה איז געווען צו אנטפלעקן און ארויסברייגנען אין יעדן אידן דעם באהאלטענעם גוטס. דערפאר האט יצחק געוואלט געבן עשו'ן די ברכות, כדי צו העלפן עם ארויסברייגנען דעם באהאלטענעם טוב.

די הוראה פאר אונז איז: יעדער איד דארף גראבן ביי זיך און אנטפלעקן זיין "מים חיים" און העלפן זיין חבר גראבן און ארויסברייגנען זיין "מים חיים". מען דארף זיך ניט רעכענען מיט דעם ווי מען זעט אויס פון אויסענווייניק, ווייל אפילו ווען פון דרויסן איז ניט גוט, איז גוט פון אינעווייניק. אינעווייניק וויל יעדער איד טאן וואס דער אויבערשטער וויל. מען דארף עס נאר ארויסברייגנען און ווערן גוט אויך פון דרויסן.

(לקו"ש חט"ו ע' 197)

## תולדות (ג)

אויף "ותכהין עיניו מראות" זאגט רש"י דריי טעמים פארוואס יצחק איז געווען בלינד. דער דריטער טעם איז "כדי שיטול יעקב את הברכות". ווען יצחק האט געבענטשט יעקב'ן איז ער געווען 123 יאר אלט. ער איז געווען 180 יאר ווען ער איז געשטארבן. קומט אויס אז יצחק איז געווען בלינד 57 יאר כדי יעקב זאל קריגן די ברכות. רש"י שרייבט ווייטער (כח, יג) אז יצחק איז געווען ווי א מת ווייל "כהו עיניו וכלוא בבית".

דארף מען פארשטיין:

פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן יצחק ווי א מת פאר 57 יאר? ער האט דאך געקענט טאן א פשוט'ע עצה, זאגן יצחק אז עשו איז א רשע, און ממילא וועט ער געבן יעקב די ברכות?

ובפרט, אז ווען עשו'ס פרויען האט שוין יצחק געוואוסט אז זיי דינען עבודה זרה. עס שטייט פריער "ותהיין מורת רוח ליצחק", און רש"י זאגט ווייל זיי האבן געדינט עבודה זרה. אויך ווען עשו אליין האט יצחק געוואוסט אז עפעס איז מיט עם ניט אינגאנצן גלאטיק. יצחק

האט געזאגט "הקול קול יעקב" ווייל "אין דרך עשו להיות שם שמים שגור בפיו" (עשו פירט זיך ניט דערמאנען דעם אויבערשטענ'ס נאמען). איז פארוואס האט דער אויבערשטער עס ניט מגלה געווען דעם אמת וועגן עשו, און עם פארשפארן זיין בלינד 57 יאר?

זעט מען דערפון אויף ווי ווייט מען דארף זיין אפגעהיט פון ריידן *לשון הרע*. עס איז כדאי אז יצחק זאל זיין בלינד 57 יאר "כלוא בבית" און "כמת", אבי מ'זאל ניט ריידן שלעכטס אויף עשו.

[אן ענליכע זאך געפינט מען אין ספר יהושע. עכן האט מועל געווען אין דעם חרם - ער האט גענומען זאכן פון רויב פון דער מלחמה. האט דער אויבערשטער געזאגט צו יהושע "חטא ישראל", אז אלע אידן האבן געזינדיגט. דערציילט די גמרא אז יהושע האט געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל עם דערציילן ווער האט דאס געטאן. האט דער אויבערשטער געענטפערט "וכי דילטור אני" - צו דען בין איך איינער וואס רעדט שלעכטס אויף מענטשן? נאר "הטל גורלות" און דו וועסט אויסגעפינען. דער אויבערשטער האט ניט געוואלט דערציילן ווער האט געטאן די שלעכטע זאך].

איז מה דאך אויף עשו טאר מען ניט רעדן לשון הרע, אודאי געוויס אויף א איד צו וועמען דער אויבערשטער האט געזאגט ביי מתן תורה "אנכי ה' אלקיך", טאר מען ניט זאגן שלעכטס וועגן עם, נאר גוטס.

(לקו"ש חט"ו ע' 211)

## תולדות (ד)

יצחק אבינו האט געזאגט "כריח השדה אשר ברכו ה'". זאגט רש"י אז דער שדה איז גן עדן. פון וואנענט האט יצחק געוואוסט ווי אזוי שמעקט דער ריח פון גן עדן?

נאר ער האט געדיינקט פון דער צייט ווען ער איז געווען אין גן עדן. הגם דער סדר איז דאך אז בשעת די נשמה קומט אראפ פון גן עדן אין גוף, קומט א מלאך וסוטרו על פיו (גיט א פאטש אויפ'ן מויל) כדי ער זאל פארגעסן וועגן גן עדן, אבער ביי יצחק איז געווען אז ער האט מיטגענומען פון גן עדן אין דער וועלט.

די רז"ל זאגן "אין קורין אבות אלא לשלשה" ("אבות" זיינען נאר דריי). דער חילוק פון די שבטים מיט די אבות איז: עס מוז ניט זיין ביי יעדער אידן אלע מדריגות פון אלע שבטים, אבער די מדריגות פון די אבות זיינען דא ביי אלע אידן. דערפאר זאגט יעדער איד "אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב", ווייל יעדער פון די אבות גיט כח פון זיין אופן אין עבודת ה' צו יעדער אידן אין זיין עבודת השם.

איז פארשטאנדיק, אז דער ענין פון מיטנעמען גן עדן אין דער וועלט, וואס איז געווען יצחק'ס מדריגה, איז נוגע יעדער אידן.

מען מאנט ביי א אידן אפזאגן זיך פון די תאוות און פארגעניגענס פון דער וועלט. זיין גאנצער ענין זאל זיין "אחת שאלתי מאת ה' וגו' לחזות בנועם ה' וגו'". טענה'ט ער: אז מען האט זיין נשמה פארבונדן דוקא מיט'ן גוף און יצר הרע און דוקא אין דער וועלט. היינט ווי קען מען פון עם פאדערן אפזאגן זיך פון די זאכן וועלכע געהערן צו די תאוות עולם הזה, און האבן בלויז פארגעניגן פון נועם ה' וואס דאס געהערט צו די תענוגים פון גן עדן?

אויף דעם איז דער ענטפער: מען האט עם געגעבן דעם כח פון "אלקי יצחק". ער דארף זיך ארייננקוקן און פארטיפן אין דעם ענין פון גן עדן, ביז וואנענט אז ביי עם קען אויך איצטער זיין "כריח השדה אשר ברכו ה'". אלע תענוגים פון דער וועלט זיינען מער ניט ווי פסולת פון די תענוגים פון גן עדן. היינט ווי וועט ער אוועקלייגן דער עיקר תענוג צוליב באקומען דעם

פסולת?

א איד דארף ארייינטאן אלע זיינע געדאנקען אין דעם עיקר, אין די תענוגים פון גן עדן, "לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו" און ניט אין דעם טפל, תענוגי עולם הזה.

(לקו"ש ח"א ע' 50)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"